# מיט א טיפערן בליק

# פרשת יתרו תשפ"א

# דו האסט א שטארקע השפעה!

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

**וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹהִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ כִּי הוֹצִיא ה' אֶת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם** - יתרו דערהערט די גרויסע נסים וואס האבן זיך אפגעשפילט ביי קריעת ים סוף און די נצחון איבער עמלק, און דורך די געוואלדיגע בשורות ווערט ער נאָנט צום באשעפער און איז מקבל דעם עול מלכות שמים, ער צוזאמען מיט זיין משפחה קומען צו גיין און די תוה"ק דערציילט אונז באריכות איבער די גאנצע באגעגעניש צווישן יתרו און משה רבינו און אזוי ווייטער.

ויהי ממחרת, משה רבינו איז געזיצן און גע'משפט דעם פאלק, און דער עולם איז געשטאנען פון צופרי ביז ביינאכט, ס'נעמט נישט לאנג און יתרו זאגט צו משה רבינו אז ס'קען נישט אזוי אנגיין נָבֹל תִּבֹּל דו וועסט מיד ווערן, ס'איז אסאך צו-שווער, נאר מען דארף איינשטעלן א סיסטעם פון ערליכע און אמת'דיגע מענטשן יראי ה' וואס מ'זאל זיך צו זיי קענען ווענדן מיט די פארשידענע שאלות און ענינים, און עס זאל האבן א סדר, מען זאל אוועק שטעלן הערן פון טויזענטער, הונדערטער, פופציגער און הערן פון צענער, אזוי ארום אז יעדע איד אין כלל ישראל זאל האבן זיין דיין, און אויב מאכט זיך א שווערע שאלה אט דעמאלטס זאל מען עס אריין ברענגען צו דיר וכו'. די תוה"ק איז ממשיך און דערציילט אונז אז פונקט אזוי איז טאקע געטוען געווארן, משה רבינו האט איינגעשטעלט דעם סדר און ס'האט זיך אויסגעארבעט, און דערמיט פירט אונז די פסוק אריין אין מתן תורה.

לאמיר זיך אפשטעלן און זיך מתבונן זיין, וואס איז טאקע פשט אז הקב"ה איז מגלגל בהשגחה פרטית אז יתרו זאל זיין דער וואס ברענגט און געבט די עצה פאר משה רבינו, און מיט דעם איז ער דער שליח איינצופירן אט דעם גרויסן שינוי לטובה אין די מהלך פון איבערגעבן און פסקענען תורה פאר כלל ישראל? און בכלל, וואס איז דאס נוגע פאר אונז צו וויסן ווער ס'האט געגעבן דעם עצה פאר משה, אז די תוה"ק איז אזוי מאריך אונז צו זאגן אז 'יתרו' זאגט און דערנאך ווי משה רבינו טוט עס טאקע אויספירן?

עטליכע פסוקים שפעטער טרעפן מיר די הייליגע פסוקים פון דעם גרויסן מעמד הר סיני, וואו הקב"ה זאגט אונז **וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ** - איר וועט זיין א קעניגרייך פון הערן און א הייליג פאלק, און באמת אז מען טראכט אריין פרעגט זיך א פשוטע שאלה, ווי קען זיין א גאנצע פאלק פון מלכים אדער כהנים, ווי מיר ווייסן איז די מציאות פון א קעניג נאר דאס אז 'ער' געוועלטיגט און איז מולך איבער אנדערע, ווי חז"ל זאגן שוין "אֵין מלך בלא עם" מ'קען נישט זיין קיין קעניג אָן קיין פאלק אונטער זיך, קומט אויס אז ס'איז נישט שייך אז יעדער איינער זאל זיין א מלך, און די זעלבע איז מיט'ן זיין א 'כהן', א כהן באדייט אז ער מיט זיין דרגא פון עבודה און קדושה איז העכער פון א ישראל, דערפאר פאסט זיך דער טיטל כהן, אבער אויב זענען מיר 'אלע' כהנים זענען מיר דאך שוין אלע די זעלבע, נו אויב אזוי ווי פאסט זיך און לאמיר פארשטיין דער אפטייטש פון די ווערטער ממלכת כהנים?

מיר זענען ממשיך ווייטער מיט די הכנות צו מתן תורה, און צווישן די שורות געפונען מיר די פסוקים וואו השי"ת זאגט פאר משה רבינו איבערצוגעבן פאר כלל ישראל די מצוה פון 'הגבלה' נישט ארויפצוגיין אויפן בארג - **וְהִגְבַּלְתָּ אֶת הָעָם סָבִיב לֵאמֹר הִשָּׁמְרוּ לָכֶם עֲלוֹת בָּהָר וּנְגֹעַ בְּקָצֵהוּ כָּל הַנֹּגֵעַ בָּהָר מוֹת יוּמָת** - דער באשעפער זאגט אָן אז מען זאל ארומנעמען דעם בארג מיט א צוים און אָנזאגן די אידן זיי זאלן זיך נישט וואַגן צו דערנענטערן צו דעם הייליגן הר סיני ווען דער באשעפער באווייזט זיך דערויף.

עטליכע פסוקים שפעטער טרעפן מיר נאכאמאל... **וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל ה' לִרְאוֹת וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל ה' לֹא יוּכַל הָעָם לַעֲלֹת אֶל הַר סִינָי כִּי אַתָּה הַעֵדֹתָה בָּנוּ לֵאמֹר הַגְבֵּל אֶת הָהָר וְקִדַּשְׁתּוֹ: וַיֹּאמֶר אֵלָיו ה' לֶךְ רֵד וְעָלִיתָ אַתָּה וְאַהֲרֹן עִמָּךְ וְהַכֹּהֲנִים וְהָעָם אַל יֶהֶרְסוּ לַעֲלֹת אֶל ה' פֶּן יִפְרָץ בָּם: וַיֵּרֶד מֹשֶׁה אֶל הָעָם וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם:** - דער באשעפער זאגט פאר משה, זאלסט אָנוואָרענען די אידן זיי זאלן נישט דורכברעכן דעם צוים זיך צו דערנענטערן צום באשעפער צו קענען זען, ווייל עס וועט פאלן פון זיי אסאך ח"ו (זיי וועלן שטארבן ח"ו דורך דעם), און אויף דעם ענטפערט משה רבינו צום באשעפער, "וואס הייסט, דאס פאלק גייט נישט קענען ארויפגיין, מ'האט דאך שוין אנגעווארנט." און דער באשעפער הייסט אים דאָך נאכאמאל אראפגיין און אנזאגן די אידן זיי זאלן נישט דורכברעכן און פרואוון זיך צו דערנענטערן ווייטער פון וואו זיי מעגן.

לאמיר זיך אפשטעלן און פרעגן: א. וואס איז דער עומק הענין אז כלל ישראל דארף טאקע שטיין ווייט און נישט ארויפגיין אויפ'ן באַרג? ב. וואס איז פשט אז הקב"ה זאגט אונז עס איינמאל און נאכאמאל, און נאכדערצו ממש האַרט פארן אנפאנגען מיט דעם אנכי ה' אלוקיך. פארשטייט זיך אז מיר האבן נישט קיין השגה אין די גרויסע ענינים, און ווי באקאנט איז פארהאן פילע מהלכים אין די ספרים הקדושים, לאמיר זיך אבער פארטיפן און פרובירן בעזר ה' אויף אונזער מדריגה אפצולערנען די הייליגע פסוקים און דערמיט זוכה זיין ארויסצונעמען די ריכטיגע חיזוק און הדרכה פארן טאג טעגליכן לעבן.

לאמיר אויפמאכן אונזער שמועס מיט א מעשה וואס מיר האבן פרעזענדליך געהערט פון א איד וואס איז היינט א גרויסע מרביץ תורה און איז גאר אסאך עוסק אין מקרב זיין אידישע קינדער צו אבינו שבשמים, ווען מיר האבן זיך באקאנט געמאכט, האב איך אים געפרעגט ווי אזוי ביסטו אנגעקומען צו טוען אין די ענינים און אט הערט וואס ער האט מיר דערציילט. (נעמען און דיטאלן זענען פארטוישט).

איך בין געווען א יונג בחור אין ישיבה אוןליידער האב איך נישט געקענט לערנען, איך ווייס נאך ביז היינט נישט פונקטליך פארוואס, איך גלייב אז ס'איז געווען עטליכע סיבות, סיי נפשיות'דיגע און אויך משפחה פראבלעמען וואס מיר זענען דערמאלטס אריבער, אויף וואס מ'קען מיך נישט דַן זיין אין מיין שווערן מצב, אבער מעשה שהיה כך היה, און איך בין געווען אויף נישט א גוטן מצב. פארשטייט זיך אז מיין נישט לערנען האט נישט געברענגט קיין גוטס, טעגליך האב איך זיך 'געטראפן' אין די האלל-ווער און פשוט אראפגעגאנגען פון גראָדן זינען, איך האב שפאצירט ארויף און אראפ, געמאכט פונקטליכע חשבונות וויפיל טיילס איז דא אויף די פלאר און ווענט, וויפיל באלב'ס די לייטס האבן, ס'הערט זיך ווערטל'דיג אבער ממש אזוי איז נעבעך געווען.

אזוי בין איך געגאנגען פון איין כיתה צום צווייטן, און ווי פארשטענדליך זייענדיג א בחור אָן קיין שום סיפוק אין לערנען, האב איך זיך געטראפן פארברענגן צייט מיט די שוואכערע בחורים אין ישיבה און צוביסלעך זענען זיי געווארן מיינע

נאנטע חברים וואס האט מיר גאר ווייניג צוגעהאלפן, און אזוי זענען די טעג אריבער, איך בין געווען צובראכן און צוקלאפט, כ'האב ניטאמאל געקענט אדער געהאט צו וועמען צו רעדן וואס זאל מיר פארשטיין.

ויהי היום, איך בין שוין דעמאלטס געווען אין די ערשטע כיתה ישיבה גדולה מיין מצב איז געווען ווייט פון גוט, און איך האב מחליט געווען אז גענוג איז גענוג איך קען שוין נישט מער, איך האב שוין נישט קיין כוח זיך אזוי ארום צו דרייען און טוען גארנישט, מיין קאפ האט מיר אנגעפאנגען שווינדלען פון צומישעניש, פון איין זייט האב איך געשפירט אז איך דארף מיך נעמען אין די הענט אריין, כאטש אביסל לערנען און דאווענען, אבער צו די זעלבע צייט האט מיין הארץ געשריגן אז איך ווייס נישט ווי אזוי, איך האב דעמאלטס באמת נישט געקענט, פון די צווייטע זייט האב איך געטראכט אפשר פאר אזא איינער אין מיינע אומשטענדן וואלט בעסער געווען ווען איך גיי פשוט ארויס ארבעטן, זיך דרייען ביי מיין חבר'ס טאטע'ס ברידער'ס וועיר-האוז, אפשר וועט מיר דארט זיין גוט, כ'האב אמת'דיג נישט געוואוסט וואס צו טוען אדער טראכטן.

איין צופרי בין איך אויפגעשטאנען, און אזוי זייענדיג גאר צוקלאפט האב איך זיך שווער ארויסדערזעהן פון בעט, און ביז וואס ווען ווי בין איך שוין געווען שפעט צום דאווענען אין ישיבה, בלית ברירה בין איך געגאנגען דאווענען אין א בית המדרש נעבן די ישבה, אנקומענדיג דארט טרעף איך זיך מיט א מגיד שיעור פון די דריטע כיתה ישיבה גדולה, א איד וואס איך האב דעמאלטס ניטאמאל געקענט זיין נאמען, די גאנצע שייכות וואס מיר האבן געהאט איז געווען אז ווען ער פלעגט ענדיגן זיין שיעור און שמועסן אין לערנען מיט זיינע תלמידים אין די האלל-וועי פלעגט ער מיר זעהן שטיין דארט בשעת ווען מיין מגיד שיעור האט נאך געהאלטן אינמיטן זאגן שיעור, ער פלעגט מיר אבער טעגליך באגריסן מיט א ווארעמען שאקל מיטן קאפ, אין דא באגעגנט ער מיר אין בית המדרש און פלוצלינג פרעגט ער מיר "צדיק'ל איז דא עפעס וואס איך קען העלפן" אט די ווערטער האבן צוריסן מיין פארוואונדעטן נשמה אבער איך האב זיך אנגעשטעלט א קאלטע פנים און געזאגט ניין ב"ה אלעס איז גוט, "אפשר דאך" האב ער געפרעגט רואיג און שטול, האב איך מחליט געווען, ווייסט וואס איך וועל אים דערציילן מיינע צומישענישן, און איך זאג אים "איך טראכט צו פארלאזן די ישיבה, סייווי טו איך גארנישט אויף, איך שטופ סתם די צייט".

דער איד זעצט זיך אוועק און ווייזט מיר צו זיצן, און זאגט: דו שטופסט סתם די צייט? 'דו'?? די האסט בכלל נישט קיין השגה וואספארא 'אור און ליכטיגקייט' די ביסט? קודם האב איך געמיינט אז ער וויל מיר פשוט געבן עפעס א חיזוק שמועס וואס ער נוצט ווען מ'דארף מחזק זיין סיי ווער, און כ'האב געוואוסט קלאר אז ביי מיר איז דאס א טעות, א בחור וואס דרייט זיך מער אינדרויסן ווי אינעווייניג איז נישט קיין געוואלדיגע אור אדער ליכטיגקייט, אדער סיי וואס ענדליך...

אבער דער מגיד שיעור האט מיר נישט געלאזט לאנג ווארטן, און ער האט גלייך ממשיך געווען **"דו ווייסט אז פונקט לעצטע וואך האב איך געשמועסט מיט א בחור פון מיין שיעור וואס גייט אריבער א שווערע צייט, און ער האט מיר געזאגט אז 'דו' ביסט דער איינציגסטער בחור וואס הערט אים אויס, אז 'דו' ביסט דער איינציגסטער חבר זיינע, און אז 'דו' ביסט דער איינציגסטער וואס געבט אים חיזוק אנצוגיין... דו ווייסט אז אסאך מאל ווען איך ענדיג לערנען דעם שיעור און איך זעה דיר שטיין אין די האל-וועי און מיר באגריסן זיך, זאלסטו וויסן אז איך האב שוין לאנג באמערקט אז דיין שמייכל און דיין הארץ איז עפעס ספעציעל, ס'איז אזא הרגשה וואס מ'קען פילן ווען מ'רעדט צו איינעם, נישט עפעס וואס מ'קען מסביר זיין, און דא זעסטו אז יענער בחור האט געפילט די זעלבע, אז דו ביסט זיין אוזן קשבת, דו ביסט דער אויער וואס הערט אים אויס און העלפט אים אין זיינע שוועריקייטן, דעריבער בעט איך דיר גיי נישט אוועק, די ישיבה דארף דיר, הקב"ה ווארט פאר דיר, דו ביסט געבוירן א משפיע פון חיזוק און ווארימקייט פאר די וועלט"**. און אט האט ער ארויסגעזאגט ווערטער וואס איך וועל קיינמאל אין מיין לעבן נישט פארגעסן **"איך דארף דיר!" איך ווארט שוין פון לאנג אז דו זאלסט אנקומען צו מיין שיעור איך ווייס און בין זיכער אז דו מיט דיינע ווארעמע הארציגע כוחות קען אויפהייבן און וועט דערהייבן דעם גאנצן שיעור אונזערע"...**

יא! איך בין געבליבן אין ישיבה! איך האב זיך שוין קיינמאל נישט געזעהן די זעלבע וועג, פון א בחור וואס איך האב געשפירט אז איך טו גארנישט האב איך פלוצלינג באמערקט אז אויך 'איך' בין משפיע, אויך 'איך' טו כסדר צוגעבן מיין חלק וואס טוט באלייכטן הקב"ה'ס וועלט, און פון דארט האבן זיך זאכן גאר שנעל אנגעהויבן צו טוישן אינעם גוטן ריכטונג, איך האב פלוצלינג 'באמערקט' און אנערקענט אז איך קען יא לערנען, איך האב גאנץ שנעל זוכה געווען צו אנטדעקן מיין בענקשאפט צו תפלה און רעדן צו בורא עולם, און צוביסלעך בין איך ברוך ה' אנגעקומען צו דעם פלאץ וואו איך בין יעצט ברוך השם, הקב"ה זאל ווייטער העלפן.

טייערע ברידער און שוועסטער די מעשה האט גאר אסאך נקודות, בפרט דער ענין אז איין גוט ווארט פאר א איד קען איבערדרייען וועלטן, אבער בעיקר ליגט פאר אונז דער יסוד אז צומאל 'און אפשר גאר אסאך מאל' פארגעסן מיר אינגאנצן ווי שטארקע און אומגעהוירע כוחות מיר פארמאגן, ס'מאכט זיך גאר אסאך אז מיר זעהן זיך בכלל נישט מיט די אויגן אז **"איך בין א משפיע, א פירער, א קליינע מנהיג ישראל, א גענעראל אין די מיליטער פון הקב"ה"**, איעדע פון אונז האט כוחות און אורות-ליכטיגקייטן וואס נאר מיר קענען און וועלן בעזר ה' ברענגן אויף די וועלט, איעדער פון אונז האט זיין אייגן ווינקל וואו ער/זי איז משפיע, ביי איינעם איז עס אין בית המדרש, ביים צווייטן איז עס אין דער האלל-וועי, ביים דריטן איז עס ביי די ארבעט, און ביי אנדערע איז עס ביי זיך אין שטוב אדער אין די אייגענע ד' אמות, וכדומה וכדומה, הצד השוה איעדע איד איז א 'מנהיג' און א פירער פאר זיך, פאר די ארומיגע בני משפחה, פאר די גוטע פריינט, און דערנאך פאר די וועלט.

נו, אויב מיינט איר אז דער מעשה איז עפעס אַן אויסטערלישע ערשיינונג וואס פאסירט זעלטן, דאן הערט א מעשה וואס איך האב לעצטענס מיטגעהאלטן:

איך בין געקומען מיט א חבר פון בארא פארק קיין וויליאמסבורג, אויפן וועג ארויס פון בארא פארק זאגט ער מיר אז ער איז זייער הונגעריג אבער ער וועט ווארטן ביז מען קומט אָן קיין וויליאמסבורג, פיין נישט קיין פראבלעם מען פאָרט... אנקומענדיג קיין וויליאמסבורג פרעג איך אים צו ער וויל אפשר קויפן עפעס צו עסן, זאגט ער מיר יא, אבער די סטאר וואו איך גיי איז אין דער אנדערע זייט שטאט, פרעג איך אים מיט וואונדער "דו גייסט פאָרן ביז דארט פאר א סענדוויטש?" זאגט ער מיר יא, יענער מאכט די בעסטע סענדוויטשעס, איך טראכט צו מיר וואס קען שוין זיין עפעס אזוי אויסטערליש מיט א סענדוויטש אז איינער זאל פארן פון בארא פארק ביז אהין?

ווי נאר מיר קומען אָן צום געשעפט, דער טיר מאכט זיך אויף און דער בעל הבית שרייט אויס, "אה! קוק ווער ס'איז דא, א גוט מארגן, וואס מאכסטו, ווי אזוי גייט עס? דו ווייסט פונקט יעצט האב איך געטראכט פון דיר, מאך א מזונות, די קעיק'ס איז אלעס היינט לעלוי נשמת הרה"ק ר' ישעי' בן ר' משה זי"ע"... און

אזוי ווייטער און ווייטער, עס גיסט זיך פון אים גוטע ווערטער, און ווי מען רופט עס ביי אונז 'פאזעטיווע ענערגיע', ער מאכט א געשמאקע אטמאספערע ארום זיך און זאגט א גוט ווארט פאר ווער ס'טרעט נאר איבער זיין שוועל, און איך באמערק ווי מיין חבר טרינקט יעדעס ווארט מיט דארשט, פלוצלינג האב איך שוין פארשטאנען וואס די 'גוטע סענדוויטש' מיינט, איך האב שוין פארשטאנען פארוואס ער האט זיך מטריח געווען ביז אהער, ווייל דא האט אים געווארט עפעס גאר גוט און זיס וואס מ'געפונט נישט ערגעץ אנדערש.

פלוצלינג איז קלאר געווארן א טיפע יסוד, געמיינט האב איך אז ער איז **"א איד וואס שטייט ביים קאמפיוטער און נעמט געלט, ווען צו דער זעלבע צייט זאגט ער גוטע ווערטער"**, אבער גאנץ שנעל בין איך געוואר געווארן אז ס'איז פונקט פארקערט ער איז **"א איד וואס גיסט חיזוק און שטארקייט, די וועג ווי אזוי ער טוט עס איז אדורך האבן און שטיין ביים קאמפיוטער"**.

אט דאס איז דער יסוד וואס מיר דארפן דערהערן, ווי מיר האבן פריער דערמאנט, איעדע איד איז א משפיע, איעדע איד איז א אור-לעכטיגקייט וואס שיינט גאר ווייט, איעדע איד גיסט איבער פון זיך פאר די ארומיגע, מיר אלע פארמאגן און האבן אויסטערלישע כוחות, איעדער אויף זיין פלאץ און ווינקל, איין זאך איז זיכער אז מיר דארפן טרעפן דעם פלאץ אונזערע וואס דארט בין איך משפיע, דארט בין איך א גענעראל פארן בורא עולם.

דער יצר הרע איז א מומחה צו איינרעדן דעם מענטש אז ער איז א גארנישט, ער איז פשוט נאך א 'נאמבער' אויף די וועלט וזה הוא, דער מענטש טראכט ביי זיך, יא ס'זענען פארהאן געוויסע יחידים זיי זענען געבוירענע משפיעים און מנהיגים און האבן די נויטיגע כלים און קוואליפעקאציעס דערצו, אבער איך? איך בין א דאך א פשוטע... (און דא קלאפט מען זיך אראפ, כנהוג) אבער דער אמת איז נישט אזוי, איעדע איז א פירער, מיט יעדע פעולה וואס מיר טוען זענען מיר משפיע אויף אנדערע, דירעקט אדער אומדירעקט, אונזער שמייכל, אונזער וועג ווי מיר פירן זיך, אונזער גאנצע אויסזעהן, ווען א איד שפאצירט אויפן גאס, ווען מיר האנדלן אין ביזנעס, ווען מיר דאווענען, און אזוי איעדע מינוט זענען פארהאן מענטשן ארום אונז וואס טוען זיך כסדר לערנען פון אונז און מיר זענען פאר זיי משפיע...

אמאל גייט דער יצר הרע א טריט ווייטער, און פאנגט אונז אָן איינצורעדן אז ווען איך וואלט געהאט די כוחות, ווען איך וואלט נאר געהאט די מעגליכקייט, אויב איך וואלט געווען אויף דעם און דעם פלאץ, אה דעמאלטס וואלט איך ווען געווען... אדער דעמאלטס וואלט איך געקענט עפעס אויפטון באמת. אבער דער אמת איז נישט אזוי, אין אַן ארמיי דארף מען נישט אז יעדער זאל טוען דאס זעלבע, און אודאי נישט אז יעדער זאל שטיין אין שפיץ, אדרבה, פונקט פארקערט יעדער האט זיין ווינקל, יעדער האט זיין תפקיד מיוחד וואס ער טאר נישט פארלאזן פאר קיין געלט אויף די וועלט, און אלעס צוזאמען מאכט א מיליטער, דער גרעסטע גענעראל אָן דער קעכער (וואס האלט אים ביים לעבן! אגב) קען נישט אנגיין, און אזוי ווייטער מיט יעדע פאזיציע וואס די סאלדאטן דארף האבן, האט יעדער זיין אייגענארטיגן ווינקל וואס דארט איז זיין אויפגאבע.

דער הייליגער **חפץ חיים זי"ע** דערמאנט שוין דעם יסוד אין זיין ספר חובת השמירה (סוף פרק ג') "והנה ממה שאמרו חז"ל אוי לרשע אוי לשכנו טוב לצדיק טוב לשכנו, מוכח מזה כי כל אדם פועל במדותיו להשפיע על זולתו", דאס וואס חז"ל לערנען אונז אז ווען ס'קומט גוטס אויף א צדיק וועט קומען גוטס אויף זיינע שכנים אויך, און דאס זעלבע פארקערט ח"ו, דאס שטאמט פון דעם ווייל יעדער מענטש איז משפיע אויף זיין סביבה און די מענטשן ארום אים וועלן אים אטעמאטיש נאָכמאכן. (און דער חפץ חיים זאגט דארט אז מ'פירט זיך ווי עס דארף צו זיין באקומט מען אויך שכר אויף די ארומיגע מענטשן וואס האבן זיך אפגעלערנט פון דיר).

אט דאס איז אויך דער ענין ווען ס'קומט צו מקבל זיין די תורה הקדושה, ווען מיר נעמען אויף זיך דעם הייליגן עול התורה און מיר ווערן איין גרויסע מיליטער **כאיש אחד בלב אחד**, איז א גרויסע חלק דערפון ליגט אין דעם יסוד ווען מיר דערהערן אז איך בין א פירער אין מיין שליחות, איך בין א משפיע דארט אין מיין ווינקל און אין מיין תפקיד, ניין איך באלאנג נישט ערגעץ אנדערש, און איך פאַרמאָג נישט מיין חבר'ס כוחות, אבער ער האט אויך נישט מיינע, ער קען נישט וואס איך קען, ער זיצט אין כולל און איך שטיי ביים קאמפיוטער, איך קען טאקע נישט פַּסק'ענען קיין חושן משפט שאלות, אבער ער קען נישט טרעפן דעם בחור'ל ביים קויפן א קאווע וואס לעבצט אויף א גוט ווארט, אויף א קלאפ אין רוקן, אדער א שמייכל, און אזוי ווייטער, מיר זענען איין גרויסע ארמיי מיט פילע אפטיילונגען און שליחות'ן אבער מיר זענען אלע מיט איין ציל צו פארשפרייטן און אויסרופן דעם ה' הוא האלוקים. און דאס איז דער טיטל פון כלל ישראל אז מיר זענען א **"ממלכת כהנים וגוי קדוש"**, און ווי מיר האבן מדייק געווען אז לכאורה קען דאָך נישט זיין א גאנצע פאלק וואו יעדער איז א קעניג אדער א כהן, ווייל דעמאלטס איז דאך יעדער גלייך, אבער דער תירוץ איז, אז יעדער קען זיין א 'מלך' אין זיין פלאץ, יעדער האט א טערעטאריע וואס געהערט נאר צו אים, אין איין פרט בין איך א קעניג, א משפיע, און א אויפטוער מער ווי אנדערע, און אין אנדערע הינזיכטן ווערט יענער דער מלך און איך בין דער איש פשוט, אבער אינעם גרעסערן בילד זענען מיר אלע באמת א 'ממלכת כהנים' א קעניגרייך פון כהנים, פון אידן וואס זענען דערהויבן און הויעך אויף זייער פלאץ און טוען אויף גאר אסאך אויף אנדערע.

און דאס איז דער ענין וואס מיר געפונען דא ביי די מצוה פון הגבלה ביי מתן תורה, כלל ישראל האט באקומען א ספעציעלן אָרט, און א ציווי פון השי"ת אז יעדער זאל בלייבן שטיין אויף זיין פלאץ און נישט זוכן צו קריכן העכער. ווי די תורה זאגט אונז וְעָלִיתָ אַתָּה וְאַהֲרֹן עִמָּךְ וְהַכֹּהֲנִים וְהָעָם אַל יֶהֶרְסוּ לַעֲלֹת אֶל ה', און ווי רש"י ברענגט פון חז"ל **"אתה מחיצה לעצמך, ואהרן מחיצה לעצמו, והכהנים מחיצה לעצמם"**, ווייל יעדער האט א פלאץ און א תפקיד, און קיינער האט נישט געמעגט גיין אינדרויסן פון זיין באשטימטע גרעניץ, עס איז דא א ספעציעלע שליחות און תפקיד פאר משה רבינו דער רבי פון כלל ישראל, ס'איז דא א מקום מיוחד פאר אהרן, פאר אלע כהנים, פאר די זקנים, און פאר יעדער איד באזונדער, און ס'איז נישט קיין שום סתירה, טראכט נישט ח"ו אז ווען איך וואלט געווען אויפן בארג דעמאלטס וואלט איך געהאט די כוחות וכדומה פונקט פארקערט גדענק אז יעדער באלאנגט טאקע אויפצטוען אויף זיין מקום קבוע וואו השי"ת האט אים אוועקגעשטעלט, און אזוי איז מען מקבל די תורה ווען מ'ווייסט אז דער רצון השי"ת פון מיר איז צו טוען אלעס וואס איך קען אויף מיין פלאץ משפיע צו זיין און שיינען פאר אנדערע.

ווי זיס דערהערט זיך דער ענין אין די ווערטער פון חכמינו ז"ל אויפן פסוק **רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן יֶהֶרְסוּ אֶל ה' לִרְאוֹת וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב,** השי"ת באפעלט פאר משה צו ווארענען די אידן אז זיי זאלן זיך נישט דערנענטערן אויב ס'וועט חלילה אוועקפאלן פון זיי ד.מ. זיי וועלן באשטראפט ווערן פארן ארויפגיין אויפן בארג, און ווי רש"י ברענגן פונעם מכילתא **"כל מה שיפול מהם, ואפילו הוא יחידי, חשוב לפני רב", השי"ת זאגט אז אפילו אויב ס'וועט ח"ו פאַלן איין איד פון דעם איז עס ביי מיר א גרויסע פארלוסט,** ס'וועט זיין פארעכנט ביי מיר כאילו ס'זענען

געשטארבן אסאך מענטשן. ווי מיר לערנען, ברענגט דאס ארויס די מעלה פון איעדע איד, אפילו א יחיד האט גאר א גרויסע כוח און חשיבות, ער איז משפיע און טוט אויף אנדערע, און דעריבער איז עס **"חשוב לפני רב"**, עס ווערט גערעכנט ביי מיר אזוי ווי אסאך מענטשן צוזאמען.

מיט דעם קומען מיר צוריק צו אנהייב פון אונזער פרשה וואו די תורה הק' דערציילט אונז די גאנצע השתלשלות פון יתרו ווי ער איז געקומען צו גיין זיך צו באהעפטן צו כלל ישראל און משה רבינו, און דערנאך איז ער געווען דער וואס האט זוכה געווען צו געבן די גוטע עצה און איינשטעלן דעם סדר ווי אזוי אידן וועלן קענען פרעגן און לערנען תורה פון משה רבינו. די תוה"ק איז מאריך אין דעם ענין און דערציילט אונז אז יתרו איז דער וואס האט געגעבן די עצה, ווייל דערמיט דערהערן מיר אז אפילו איינער ווי יתרו וואס איז געווען אַן עובד עבודה זרה וואס האט געדינט איעדע סארט עבודה זרה אין די וועלט, ער איז געווען די ווייטסטע פון קדושה וואס נאר מעגליך, אבער ווי נאר ער קומט גרייט צו טוען דעם רצון ה' און אריינקומען תחת כנפי השכינה האט ער די אומבאשרייבליכע כוח פון טוישן די היסטאריע פון כלל ישראל, ער שטעלט אוועק דעם וועג אנצוקומען צו משה רבינו, און ער איז מוסיף א פרשה אין די תורה וואס ווערט טאקע אנגערופן אויף זיין נאמען. און דאס דארף דינען פאר אונז אלע אלס א געוואלדיגע מוסר השכל און א לימוד, אז יעדער איד האט כוחות, יעדער פון אונז איז ביכולת צו טוישן וועלטן, אמאל פון א קליינע פעולה וואס מיר וועלן טוען 'אויף אונזער פלאץ' וועט האבן פֵּירות און פֵּירֵי-פירות וואס וועט זיך ציען אויף אייביג, און אמאל קען עס אפילו טוישן די היסטאריע פון כלל ישראל, עס קען שאקלען וועלטן און אויפטוען א געוואלד, אויב מיר וועלן נאר האלטן אונזערע אויגן אפן און טאקע וועלן אויפטוען אלעס וואס מיר קענען אויפטוען אויף אונזערע ארומיגע.

און טאקע אין אונזער פרשה ביי די מצוה פון **"כבד את אביך ואת אמך"**, ווערט נאכגעזאגט א טייטש פון **הגאון ר' שמעון רפאל הירש זי"ע**, כבד את אביך ואת אמך, מ'דארף מכבד זיין אויך דאס אייגענע טאטעשאפט און אייגענע מאמעשאפט, דאס הייסט זיי מכבד און מחשיב דעם פאקט אז דו ביסט א טאטע אדער א מאמע צו דיינע קינדער, געדענק אז זיי קוקן ארויף צו דיר און דו פארמאגסט א כוח און א השפעה אויף זיי. פון איין זייט איז דאס טאקע א תביעה, א פאָדערונג וואס די תורה פארלאנגט פון אונז, אבער פון די צווייטע זייט איז דאס אונזער גרעסטע חיזוק, יעדער מענטש האט אין זיך דער חלק המשפיע, און מיר דארפן דערהערן אונזער חשיבות, אז יעדער פון אונז פארמאגט א אייגענארטיגע חלק און שליחות אויסצופירן דא אויף דעם וועלט, און מיר האבן גארנישט קיין השגה וויפיל מענטשן קוקן אויף אונז ארויף, וויפילווארטן אויף אונז און ווילן אונז צוהערן, און מיר דארפן דאס מכבד זיין און וויסן אלעמאל, און נישט גרינגשעצן ח"ו.

די וועלט דערציילט: א דערהויבענער חסיד, לאמיר אים רופן ר' בערל, איז אמאל אריין געקומען צו איינע פון די צדיקים און זיך אויסגערעדט דאס הארץ און געזאגט "רבי איך האב שוין אזוי פיל פראבירט אבער ס'גייט מיר נישט", דער רבי פרעגט מיט וואונדער וואס האט פאסירט? וואס האט איר פראבירט? וואס גייט נישט?, דער איד זאגט מיט א צובראכענע שטימע "רבי, איך וויל זוכה זיין צו גילוי אליהו" איך האב שוין געטוען כל מיני סגולות און אפילו געפאסט אזוי פיל תעניתים וסיגופים אבער ס'גייט מיר נישט, דער רבי האט זיך ווארעם צו-שמייכלט און געזאגט ר' בערל איך האב פאר אייך אַן עצה בדוק ומנוסה, (ר' בערל איז מלא שמחה די רבי גייט אים געבן אַן עצה ס'גלייבט זיך פשוט נישט), גייט אריבער צום עק שטאט דארט וואוינט שראליק דער וואסערשעפער, ער איזליידער א גרויסע ארימאן וואס האט נישט קיין לחם לאכול, איז איעדע פרייטאג פארטאגס זאלט איר דארט אהין גיין און אראפ לייגן א פעקל מיט מאכלי שבת, און אט וועט איר זוכה זיין בעזר ה'.

געזאגט און געטוען ר' בערל איז אויפגעשטאנען אינמיטן די נאכט און זיך גע'טובל'ט אין מקוה בדחילו ורחימו און געמאכט א הכנה צו די עבודת הקודש, און מיט הייסע תפילות לאזט ער זיך ארויס צום עק שטאט, זיך שלעפענדיג מיט אלע מאכלי שבת, ער גיבט עס א לייג אראפ שטילערהייט ביים שוועל פון שראליק דער וואסערשעפער, גענוי ווי דער רבי האט געהייסן, און ער איז תיכף ומיד נעלם געווארן פון דארט.

נאך עטליכע וואכן קומט ר' בערל צוריק צום רבי'ן און שרייט "רבי איך האלט שוין ביים זעקסטע וואך, איך ברענג ערליך אלע צרכי שבת פאר שראליק'ן און זיין משפחה, אבער אליהו האב איך נאך נישט זוכה געווען צו זעהן". ר' בערל הערט זיך איין, די וואך זאלסטו גיין אביסל שפעטער, דעמאלטס ווען ס'איז שוין אביסל ליכטיג אינדרויסן, און אט וועסטו שוין טרעפן אליהו... זאגט אים דער רבי מיט א זיכערקייט. שוין, אז דער רבי הייסט פאלגט מען, און ער גרייט זיך צו די וועכנטליכע מיסיע פון אראפלייגן דעם פעקל מטעמים פארן וואסערשעפער.

ר' בערל שטייט אביסל אפגעריקט פון שראליק'ס שטוב און ווארט אז ס'זאל ווערן לעכטיג, און ווי נאר די זוהן געבט ארויס אירע לעכטיגע שטראלן גייט ער גלייך נענטער צום טיר און לייגט אראפ דעם גרויסן זאַק אנגעפילט מיט מאכלי שבת אזויווי ביז יעצט, און ווי נאר ער וויל פון דארט אוועקלויפן הערט ער א געשריי **"טאטי אליהו הנביא איז דא – און ער האט געברענט אונזער שבת פעקל"**.

א לייכטע ציטער פון התרגשות איז אדורך פאר ר' בערל אין אלע זיינע ביינער, ענדליך האט ער באגרייפט דעם רבי'נס כוונה, מ'דארף נישט לויפן זוכן אליהו הנביא דא אדער דארט, שאַר נאר ארויף דיינע ארבל און הייב אָן צו טוען וואס מען דארף, העלף א צווייטער איד, טו פאר יענעם, און דערמיט קען מען אמאל אליין ווערן דער 'אליהו הנביא' פון אנדערע אידן...

די מעשה פארמאגט אסאך, אבער בעיקר זאגט עס אונז דעם גרויסן יסוד וויפיל מאל מאכט זיך אז מיר אליין זוכן דעם אליהו, מיר זוכן פארשידענע גרויסע הייליגע מדריגות, ווען מיר כאפן זיך נישט אז דער 'אליהו' ליגט אין אונז, איעדע אידיש קינד האט אין זיך א זעלטענע כוח אויפצוטון, און איעדער פון אונז קען אמאל זיין דער חבר'ס נס, מיר קענען זיין דער שליח פון הקדוש ברוך הוא צו זיין דער ישועה פאר א צווייטן, מיר דארפן עס נאר זוכן און וועלן, מיר דארפן אנערקענען די גרויסקייט פון ליגט אין דער מציאות פון א אידיש קינד, מיר דארפן דערהערן אז מיר זענען אלע א חלק אין דעם גרויסן ממלכת כהנים וגוי קדוש.

לסיכום געדענק:

- **דו האסט א שטארקע השפעה אויף די וועלט.**
- **דו ביסט א משפיע, א פירער, א קליינע מנהיג ישראל.**
- **דו ביסט א גענעראל אין די מיליטער פון הקב"ה.**

## א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com